NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13190

RAKHAMA UN ANDERE

M. Shifris

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שיפרים

ראבאטא

און

אנדערע לידער

משה שיפרים

ראכאמא

און

אנדערע לידער

יידישע ביבליאטעק
ארכיוו

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH, INC. N.Y.

פארלאג „די פעדער“

ניו יארק

1925

Copyright
by
M. SHIFRIS
New York
1925

חוהלען

מדבר

נאַכט אין מדבר

דאָס לעצטע קאַראַוואַן־גלעקל פאַרקלינגט:
דין־דין, דינער.
אויפ׳ן ברעג פון טאָג גייט אויס דאָס שוואַנען ליד
פון פאַרבײַנקטן קעמל־טרײַבער.
פון אונטער די זאַמדיקע בערג
גיט זיך אַ שטרעק אַ האַריקע לאַפּע —
ווערט נאַכט אין מדבר.
דער אַפּפער רויך פון נאָמאַדן־פײַער
ציט זיך אַ ציטערדיקער צום הימל.
און דורך אויפגעריסענע העלדזער פון שאַקאַלן
גייט אויף דאָס געוויין פון אַלע וועלטן.

נעכט אין מדבר

טיף־בלויע אבאיעס
מיט בליאסקעדיק זילבער אויסגעשטערנט —
נעכט אזעלכע —
ווער האָט זיי אויסגעטראַכט ?

דעם אומעט, דעם שטילן,
מיט געצוימטע געשרייען
(ווי הינט אויף די קייטן),
דעם ניגון, דעם טרויער —
ווער האָט אהער געבראַכט ?

פייער פאַרלאַנגען
מיט צינגער פון שלאַנגען
פון וועלטן פאַר׳סמ׳טע
אהערצו אין מדבר פאַרוואָרפן.
אהאַ... עסענקאַרי... און געלאַכט.

ראַכאַמאַ

א

ראַכאַמאַ איז אַ מיידל —
אַ פּאַלמע אַ שלאַנקע.
מיט הייסע צוויי אויגן, ווי דאָס זאַמד אין דער מדבר,
מיט שאַרף־ווייסע ציינדלאַך צווישן פלאַמיקע ליפּן.
מיט צוויי שוואַרצע צעפּ,
מיט זילבער מאַדזשעטעס געפּלאָכטן,
וואָס בליאַסקן ווי פּערל אויף זיידענע שנורן.

אבא־אל־סאַלים איז אַ געבויגענער זקן
מיט ציטערדיקע הענט און האַלב בלינדע אויגן,
מיט קעמלען און רינדער
און אַראַבישע שקאַפּעס
און טעפּ אָנגעפּולטע מיט גאָלדענע לירעס.

האָט ראַכאַמאַס טאַטע אַ שידוך געשלאָסן
און אַלאַ׳ס שיינקייט
אויף קעמלען און שקאַפּעס פאַרביטן.

איבראַהים איז אַן אָרימער בחור,
צו ראַכאַמאַן — אַ פּאַלמע אַ צווייטע.
זיין גאַנצער פאַרמעגן —
די פאַרבאָרגענע ליבע.
זיין איינציקע גלוסטונג —
ראַכאַמאַן אין צעלט בא זיך האָבן
און רייטן מיט איר אויף זיין איינציקער שקאַפּע
און זאָל זיין געבענטשט אַללאַ און זיין נביא.

האָט אַבאַ־אַל־סאַלים אין צעלט ראַכאַמאַן
און איבראַהים אין זיין האַרצן די ליבע.
קאָן איבראַהים פון זיין ליבע ראַכאַמאַן ניט זאָגן —
וויינט ער זי אוים צו די שאָקאַלן באַנאַכט.

האָט איינמאָל ראַכאַמאַ דערהערט —

ב

פון נאַכטיקן הימל איז איבראַהימס שטערן געפאַלן.
איז די בענקשאַפט פון הימל געפאַלן
און טיף אין זיין האַרצן געזונקען.
ציקלט זיך אין מדבר־נאַכט זיין גמרא׳דיקער ניגון,
קלאַפּן זיינע פינגער וויינענדיקע איבערן טאַמבורין,
צאַפּלט זיין האַרץ זיך פון בענקשאַפט
און בעט זיך:
— קאַם לי־לי!
— קאַ[illegible]יאַם!

ליגט ראַכאַמאַ, די אומרו אַליין, פאַרשטומט אין
געצעלט
און דאָס האַרץ קלאַפּט צו צום טאַקט

פון איבראהימס פינגער אויפן טאמבורין
און אירע ליפן, צום טאקט פון איבראהימס,
פרעגן שטיל און בעטן:
— קאם לי, לי!
— קא־אם יאם!

טיפער פון דער מדבר־ליידיקייט איז זייער בענקשאפט,
אומרואיקער פון די פארבענקטע, וויינענדיקע אייזלען
איז זייער בענקשאפט.
ציטערט מיט זייער אומרו — ים און מדבר.
— קאם לי־לי!
— קא־אם יאם!

ג

װען עס װײנען די שאַקאַלן באַנאַכט,
שרעקן זיך די פֿרױען אין די געצעלטן.
װען עס װײנען די שאַקאַלן באַנאַכט,
פֿרײט זיך ראַכאַמאַ אין איר געצעלט.

װײסט ראַכאַמאַ —
צװישן די שאַקאַלן
איז איבראַהים אַ שאַקאַל װאָס ברענט מיט ליבע
און גליט מיט הײסן אָטעם.

גנבעט זיך ראַכאַמאַ פונם אַלטן אַבאַ־אַל־סאַלים אַזועק
און שאַרט זיך שלאַנגיש פונ׳ם צעלט אַרוים
און קומט צוריק אַ פלאַמיקע
און רוקט זיך פונ׳ם קאַלטן אַלטן אַפּ
און גליט זיין קערפּער פון דער ווייט.

ד

ווען די ווײַנטרויבן און די מאַנדלען
ליגן שוין אויף די שמאַטישע מאַרקן
און די שאַקאַלן זייַנען ווילד פון הונגער —
ווײ צו דעם,
וואָס קומט זיי אַ ניט־באַוואָפנטער אין וועג.
יענע צייַט איז דאָס געווען.
ראַבאַמאַס אויער האָט פאַרנומען אַ שאַקאַלן געוויין,
האָט דאָס האַרץ געצאַפּלט זיך פון פרייד.
און שטיל איז זי פון צעלט אַרויס — — —
מאָרגן איז ראַבאַמאַ שוין ראַבאַמאַ ניט געווען —

אבאַ־אל־סאַלים האָט זי באַקלאָגט אין דער הויך
אין מיטן טאָג
און ס׳האָבן אים נאָך צוגעהאָלפן די קלאָג־מוטערס
פון כאַנ־יונים.
נאָר איבראַהים האָט זי באַקלאָגט אין דער שטיל
אין מיטן נאַכט.
קיינער האָט אים ניט געהערט.
זיין געוויין האָט זיך אויסגעמישט –
מיטן וואָיען פון די שאַקאַלן אין מיטן נאַכט.

ה

דאָס איז דאָס ליד פון איבראַהים
צו די קלאָג־מוטערס פון כאַן־יונים:

קלאָג־מוטערס פון כאַן־יונים!
וואָס האָט איר זיך פאַרזאַמלט אויף מיין גרויסן בראַך?
וואָס קרייזט איר זיך אין רינגען
און וואַרפט צעווילדעוועטע שוואַרצקייט
איינע איבער די אַנדערע?
מיט אייער שפּיציקע רויטקייט,
מיט אייערע שפּיציקע געשרייען
פלעקט איר און ציטערט אויף
דאָס טאָג־גרוי,
דאָס ציטערדיקע שטילקייט,
די פאַרבאַהאַלטענע שרעק
און די שאַקאַלן־נאַרעס.

וי־לי, וי־לי!
קלאָג־מוטערס פון כאַנ־יונים!
דורך אייערע פייכט־פאַרוואָלקנטע אויגן
וועלן זיך אייערע גיפּטיקע שפּיזן
אין הימל ניט אַריינשטעכן.
די חאַמסין־ווייטן
וועלן פאַרטראָגן אייערע קלאָגן.
די חאַמסין־רעגן
וועלן פאַרוואַשן אייערע טרערן.

דאָס ליד פון מיין טאַטנ׳ס תורה לערנען

פארטאָג.
ווען די שוואַרצע פענצטער
פאַרבן זיך אויף בלוי,
איז די וועלט אַ לויטערע.
איז דער מענטש אַ לויטערער.

פאַרטאָג.
אַז די שוואַרצע פענצטער זיינען בלאָ געוואָרן,
פלעגט מיין טאַטע אויפשטיין לערנען תורה —
פלעגט מיין מאַמע אויפשטיין הערן תורה —
אַז איך מאַך אָן אומעטיקער מיינע אויגן צו
זע איך עס ווי איצט:
דער טאַטע זיצט ביים גרויסן טיש.
די רעכטע האַנט אויפ'ן קלוג־שאַרפן־שטערן,
די פינגער פון דער לינקער האַנט
חיות'ן זיך אין זיידענער ווייכקייט
פון דער בלאָנדער באָרד.

פאַר אים די גרויסע גמרא,
די בלעטער מיט ליכט-חלב פאַרשמעלצט,
מיט געלקייט פאַרפלעקט
(דער גאַנצער קוואַל טרערן
פון זיידן ישראל לייב׳ס אויגן
האָט זיך אין זיי אַריינגעוויינט.)
און די לעדערנע טאָוולען זיינען נאָדלדיק צעשטאָכן
פון קריכנדיקן מאיל.
אַרום קליינעם לעמפל, אויפ׳ן גרויסן טיש,
ציטערט אַ רעגנבויגנדיקער אָרעאָל,
שטעכט זיך דורכ׳ן טאַטנ׳ס אויגן-לעדלאַך
און פינטלט בלוי-שוואַרצע פלעקן
אויף די קליינע אותיות׳לאַך פון רש״י.
אַ ציענדיקער ניגון
בעט זיך שטיל אַרויס פון טאַטנ׳ס מויל,
בויערט זיך דורך דער טיר
און ציטערט אויף
אין מיין מאַמעס פריידיקער נשמה.

פאַרוויגט פון טאַטנ'ס בעטנדיקן ניגון
ליג איך אויף דער סאָפע, ביי דער וואַנט,
פינטל מיט די אויגן
און קאָן זיי ניט אָפּרייסן פון אָרעאָל,
וואָס רונדערט זיך און ברייטערט זיך
אַרום קליינעם לעמפּל —
בלוי און שוואַרץ, און שטערן־ליכט
פינטלען פאַר די אויגן.
אין קיך איז טונקלדיק און אומעטיק.
אונדזער משרת יאַנקל
בלאָזט מיט זיין שטיוול אויף דעם סאַמאָוואַר —
דאָס וויגנדיקע רויטקייט אויף דער וואַנט
ציטערט רויטער און ליכטיקער.

ער וואַשט די גלעזער אוים.
און אַז די הייסע טיי אין גלאָז
קוקט אוים ווי שפּילנדיקער ווײַן,
נעמט די מאַמע אַרוים די גלאָז
פון יאַנקל׳ס האַנט
און טראָגט זי דעם טאַטן צו.
דער טאַטע לייגט די טערקישע פּאַטשיילע
אויף דער אָפענער גמרא
און בעטנדיק הויבט ער די אויגן אויף:
— ריסל, אי... נו, יאַנקל? —
שמייכלט שטיל מײַן פרומע מאַמע,
לאָזט צנועה׳דיק אַראָפּ די אויגן:
— שלמה... איך וועל משמש זײַן אַ תלמיד־חכם.
און שאַרט זיך שטיל אַוועק.

דער טאַטע עפנט מיט אַ קנאַק
דאָס שיפּלדיקע טאַבאַק־פּושקעלע,
ציט פון ביידע פינגער אין נאָז אַריין
אַ בערגל ברוינע טאַבאַק
און טרייסלט אָפּ מיט דער טערקישער פּאַטשיילע די
גמרא —
דאָס רעדל אַרום לעמפּל ווערט גרעסער,
פאַרביקער און רונדער,
און פריילאַכער קלינגט דעם טאַטנ'ס ניגון:
— אוי, תנו ר־ב־נן — — — —
דער מאַמעס אויערן אונטער דער טיר
זאַפּן איין ווי אַ שוואָם די זיסע טענער —
צעקוועלט זיך איר הארץ
און די פרייד גייט אַריבער די ברעגן
פון אירע שיינענדיקע אויגן.

בעסאַראַביע

וווּרט אַ מענטש געבוירן אין קיסניצע, פּאָדאָליע,
וואַקסט אויף אין בעלץ, בעסאַראַביע,
זאַפּט אַריין אין די יונגע ביינער
דעם אָטעם און טרויער פון ישיבה־בענק;
לעבט אָפּ אַ לעבן אין ניו־יאָרק —
און ס'ביינקט זיין בלוט נאָך דער אַראַבישער אַבאַיע
און אַגאַל,
וואָס האָט איינמאָל נאָר זיין לייב באַקליידט,
און ס'זינגט זיין בלוט דאָס הייסע ליד פון מדבר.
נאָר אין די עלנדע פיר ווענט,
ווען ס'רויעט זיך אין אים דער רויער כח —
זינגט ער זיך אַ טרויער־ליד,
בעט ער זיך: — רויער כח, רויער כח!
האָסט געזונגען פון ראַכאַמאַ און איבראַהים,
האָסט אויסגע'חלום'ט דעם ראָזן חלום פון דעלאַווירא.
איצט־זינג־זשע מיר דאָס ליד פון בעסאַראַביע —
מיין ליד פון בעסאַראַביע.

אַלע חלומען מיר

אַלע חלומען מיר דעם אייגענעם חלום.
אַלע בויען מיר דעם אייגענעם טורם.
און ברייט און הויך איז ער.
און אייזן שטאַרק איז ער.
מיט גרויסן פּאַרנעם.
מיט ריזיקן שוואונג.

און קרייצן זיך אונדזערע וועגן
און שיידן זיך אונדזערע וועגן —
אַלע ציען מיר אַהין —
צום זוניקן טורם,
צום ליכטיקן טורם.

יאָסל קאָטלער

די נאַכט האָט געוויינט אויף זיין מזל

די נאַכט האָט געוויינט אויף זיין מזל.
און ער —
געבויגן ווי אַ פרעג-צייכן,
האָט מיט דער רעכטער האַנט פאַרקלעמט די לאַצן
פון זיין ראָק,
צו באַשיצן זיין האַריקע בריסט
און מיט דער לינקער האַנט געריבט אין די מיסט-
קאַסטנס.
מעקאַרטי, דער וועכטער,
האָט געלויערט פון אַ ווינקל,
ווי אַ קאַץ אויף אַ מייזל
און ס׳האָבן זיך גרינע פייערלאַך געצונדן אין זיינע
אויגן.

ער, האט זיך אוועקגעשטעלט לעבן גאס-לאמטערן.
די רעכטע פוס פארבויגן ווי אַ קראקווע
און דער קאפ אראפגעלאזט,
האט זיך געהוידעט ווי א פרעמדער.
און אז מעקארטי, דער וועכטער,
איז אונטערגעשפרונגען ווי א קאץ
און זיך פארמאסטן מיט'ן שטעקן —
האט ער אויפגעהויבן דעם קאפ,
פארווארפן אויף לינקס,
און ברייט צענומען די הענט —
ווי א פויגל וואס וויל באשיצן זיינע קינדער.
און אז מעקארטי, דער וועכטער,
האט דערזעען די אפענע וואונד —
דאס נאקעטע הארץ,
מיט די טרערן פון דער נאכט —
האט ער זיך איבערגע'צלם'ט
און שטיל אוועק אין דער נעבלדיקער נאכט.

אַ לעבן אַזעלכס

אַ לעבן אַזעלכס —
דער רוח זאָל עס נעמען.

אַ גאַנצן טאָג בײַ פאַרױכערטע װענט,
די פּיס געבױגן װי קראַקװעס,
די אױגן אין נעבלדיקן גאַרניט
און געריכערט און געשפּיגן.

פאַרנאַכט בײַ פאַרנעבלטע פענצטער
געשלונגען דאָס שפּײַעכץ
און פאַרדומפּטן ריח פון ביליגע רעסטאָראַנען.

איצט. אין נאַכט —
װאָס־זשע זאָל מען טאָן,
אױב ניט פאַר די אױסגעבעטלטע פאַר סענט
קױפן שלעכטן שנאַפּס?

און אַז ס'איז ניטאָ קיין פריילאַכע חברים
און אַז ס'איז ניטאָ קיין פלושענע דיוואַנעס מיט
זיידענע קישן —
זייגען די מיסט־קאַנען — חברים,
און די שטיינערנע שוועלן און טרעפ —
די פלושענע דיוואַנעס מיט די זיידענע קישן.
און פרעמדע קאָרידאָרן — די בעסטע פּאַלאַצן,
צו טוליען זיך מיט עלנדע קעץ.

גיט מען זיך איבער דעם ווינט,
ווי אַ גאַסן־מיידל אַן אַלטן מנובלניק.
און ער —
סאַדיסטיש שפּיזלט ער און שטעכט דאָס לייב
און טאַנצט אַ הורן־טאַנץ — — — —

מאָרגן פרי וועלן קרעמער מיט בינטלאַך שליסל
שפּאַנען איבער קערפּערס —
און רייבן די הענט פאַר אַ קונה.

דער ניט-געשריבענער בריוו
פון אַמעריקאַנעם ברודער

טייערער ברודער, זיי מיך ניט מקנא.
איך וואוין אין פלעטבוש,
(אַזאַ רייכע און אַ פעטע געגנט.)
איך האָב אַן אייגן הויז
מיט אַ זון־פּאַרלאָר.
און אַ ווייב האָב איך
און קינדער האָב איך אויך.
און מיר איז גוט, אַזוי גוט.
איך האַנדל מיט הייזער און מיט לאַנד
(יעדע ווערשקע מעסט מען דאָ מיט גאָלד.)
און יעדן טאָג האַלט איך נאָר אין איין מאַנען דירה־געלט

י אַ ב אַ ט אַ

מיין אייגן הויז איז רייך און שיין.
די קיך מיינע איז אויסגעקלעפּט מיט סיראַטעס
און העכער האַלב מיט ווייסע קאַכלעס.
אַזאַ ליכטיקייט, אַזאַ ווייסקייט.
אין מיטן קיך זיצט מיין ווייב,
מיין פעטע ווייב,
מיט רויטע אָנגעפאַרבטע באַקן.
דאָס ביינקל סקריפּעט אונטער איר
און ס׳הייבגען אַראָפּ גאַנצע שטיקער פלייש.
זי רוקט די הייסע קנישעקלאַך אין מויל
און ווישט דעם שווייסיקן שטערן.
אין דרויסן איז אַ שטאַרקער פראָסט,
גאָר אין הויז איז וואַרים, אַזוי וואַרים.
(זי האָט מורא פאַר אַביסל פרישע לופט,
מיין פעטע ווייב.)
זי זיצט און עסט און קרעכצט
און רעדט וועגן דעם
וואוהין צו פאָרן קומענדיקע וואָך,
קיין לייקוואוד אָדער גאָר אין אַטלאַנטיק דער שטאָט.

דאָרטן איז איצט אויך זומערדיק
און דאָ פילט זי ניט גוט —
זי קרעכצט און רוקט די הייסע קנישעקלאַך אין מויל.
ברודער מיינער, זיי מיך ניט מקנא.
אויסגעהונגערט איז אַוודאי יעדער אבר דיינער
און טעמפּ דער בליק אין דיינע אויגן,
און אָפּגעטויבט איז שוין דיין אויער צום ווידערקול
פון טרייסט
נאָר דער זיפץ וואָס פאַלט אַ געשאָכטענער פון דיין מויל
און די פיינליכע ווערטער פון דיין בריוו.
וואָס פאַלן ווי גע׳סמ׳טע שפּיזן —
קאָנען מיין האַרץ שוין ניט דערגרייכן —
זיי שלאָגן זיך אָן אין אַ פאַנצער פון שמאַלץ
און פאַלן ווי טויטע טויבן לעבן מיינע פיס.

ברודער מיינער, זיי מיך ניט מקנא.
צווישן מיר און דיר
ליגן זיבן ימים —
צווישן מיר און מיינע קינדער
ליגן וועלטן גאַנצע.
און ווי ס'איז מיר פרעמד
דאָס געפיל פון הונגער אַצינד,
אַזוי איז מיר פרעמד
מיין אייגן קינד,
מיין אייגן פלייש און בלוט.
צו דיר, אַז איך וויל,
קען איך קומען מיט א שיף;
צו מיינע קינדער,
אין מיין אייגן הויז,
קאָן איך קיינמאָל ניט קומען.
טייערער ברודער מיינער,
זיי מיך ניט מקנא.

צלם-לאַסט

ס׳האָט דאָס בלוט דערגרייכט שוין ביזן האַלדז.
די געשרייען האָבן שוין צעריסן זיינע אויערן
און אויפגעשפּיזלט די האָר אויף זיין קאָפּ.
דאָס טויטע האַרץ האָט זיך אויפגעריסן,
האָט ער מיט אַלע כּחות פון צלם זיך אָפּגעריסן.
גאָר דעם שטאַרק צוגענאָגלטן רוקן
האָט ער ניט געקענט באַפרייען.
דריקט די שווערע משא פון דעמבענעם צלם
אויף זיין וואונדיקן רוקן.
שטייט ער מיט בלוטיקע וואונדן,
און נאָך בלוטיקערע אויגן,
זעט ער:

פון אַלע װעגן,
אונטער ברענענדיקע פלאַמען־אויגן,
ציען זיך די ברידער־אידן.
מיט אויפגעפלאַמטע שרעקן אויגן,
ציען זײ זיך אויף װײַטע װעגן.
קוקט ער מיט בלוטיקע אויגן נאָך
און מיט נאָך אַ בלוטיקערן האַרץ.
פאַרהאַלט ער דעם לעצטן,
װאָס גײט מיט שרעק פאַרבײ:
— איד, ברודער, הויב אַ האַנט אַקעגן מיר
און אויב דו װילסט זי ניט מטמא זײַן —
שפּײַ מיר כאָטש אין פּנים אַן.
שטײט דער איד מיט צעשראָקענע אויגן און צענומענע הענט.
די אויגן קוקן און פאַרשטײען ניט.

רעדט ער ווייטער:
— איד, ברודער,
דער צלם איז פון בלוט און בליי געשוואָלן,
עס קען מיין רוקן אים שוין מער ניט טראָגן.
העלף מיר פונם שווערן צלם־לאַסט זיך באַפרייען,
און לאָז מיך, ווי אַ בעטלער, זיך נאָכשלעפּן אויף
אייערע וועגן.
שטייט דער איד מיט צעשראָקענע אויגן און וויינט:
— ס'איז ניט דער צלם אויפן רוקן.
ער איז אין הארץ און בלוט ביי מיר געשניטן.
איך קאָן אין גלות דיך ניט נעמען
און קאָן דיר קיינמאָל ניט פאַרגיבן.
רינען בליי־הייסע טרערן
פון צעשראָקענע אויגן.
מיט צעשראָקענע טריט
לאָזט דער איד זיך נאָך דער מחנה.
בלייבט ער מיט אויסגעשרעקטע הענט צום רויט־
צעגליטן הימל
און אויף דעם אידנס טריט פאַלט דער שאָטן פונם צלם.

דער פּאָעט

גערדאַנקען־בליצן
האָט ער אין שטריק געפלאָכטן,
און ווי אַ טויכער
זיך אַראָפּגעלאָזט
אויפן אָפּגרונט פון זיין הארץ.
ער האָט פולע הויפנס פערל אָנגענומען
און געוואָרפן אין די גאסן.
קלוגע מענטשן האָבן זיי צעכאַפּט
און שפּאָטיש געשמייכלט איבער אים:
„ווי ס'וואַרפט דער נאַר זיך מיט זיינע פערל".

אויף מיין טיש ליגט דער אַרבוז

אויף מיין טיש ליגט דער אַרבוז
פול מיט צאַפּלדיקער רייפקייט
און ציטערט פון באַגער
צו וואַרימע ליפּן,
צו ווייסע ציין,
און באַהעפטונג פון גומען.
אַ בלייכע האַנט גיט אַ שוואונג אין דער לופט,
און לאָזט זיך אַראָפּ מיט בליציקער שאַרף —
צאַפּלט אויף דאָס האַרץ פון אַרבוז
און ראָזעווע זאַפטקייט גיט זיך אַ שלענגל
איבער'ן ווייסקייט פון טישטוך.
ציטערט דאָס אָפענע האַרץ מיט אָפענער רעגונג,
מיט אומגעדולדיקער דערוואַרטונג.
די לופט אין מיין צימער
זאַפּט איין דאָס צאַפּלדיקע פרישקייט,
די ציטערדיקע פאַרלאַנגען
און ציטערט פון רעגונג.

ר אָ כ אָ ט ש

צייטיקע ווייַנטרויבן

זומערדיקער נאָכמיטאָג.
די פאַרהאַנגען ארונטערגעלאָזט,
שאָטנדיקע קילקייט אין צימער. —
אין געשליפענעם קרישטאָל
שפיגלען זיך די פולע ווייַנטרויבן,
זאַפטן קריכן פון די הויטן,
רייצן מיין גומען.
איך דריק מיינע אויגן צו —
ווייסע מיידל־פינגער
פאַרדריקן די ווייַנטרויבן —

שפּילנדיקער קאָלירנדיקער טרויבן־זאַפט
אין געשליפענעם קרישטאָל.
(קליינע, ראָזע פּיסלאַך טאַנצן אַרום די ברעגן.)
קילע זון־שטראַלן ברעקלען זיך —
ציטערן אויס אַן אינדיאַנער־זומער ליד.
טרויבן־שטענגלאַך, מיט רייפע טרויבן
צאַפּלען און ציטערן — — —
מיינע הענט גיבן זיך אַ צי — — — — — —
אונטערן שאָטן פון מיינע ברעמען,
ביים פוס פון געשליפענעם קרישטאָל,
וואַלגערן זיך צוזאַמענגעדרייטע, נאַקעטע צווייגלאַך
מיט ניט־צייטיקע און איבערגעצייטיקטע טרויבן. —

מיין צאַרטע פּערלמוטער פּען און מיין דיקע פאונטען־פּען

אין איר באַקוועמען קעסטל־בעטל
ליגט מיין שיין געשניצטע פּערלמוטער־פּען.
באַטאָג האָט פון הינטער דער ווייסער הויט
אַרויסגעשפּיגלט אַ רעגנבויגנדיקער קאָליר.
איצט ליגט זי אין איר צניעות'דיקער בלייכקייט
און דאָס צאַרטע האַרץ
פלאַטערט און ציט
צום ווייס־פלאַטערדיקן פּאַפּיר,
אויף מיין שרייב־טיש.

אויפ'ן הוילן טיש, נאענט צום פאפיר,
ליגט מיין דיקע פאונטען־פען.
אן אנגעגאסענע,
א פולע
און מיט זאפטיק־פייכטע ליפן
צאפלט זי פון ניט־געצווימטער לײדנשאפט.
אט דער וואס פירט די וועלט
גיט א פיר מיין בלינדע האנט
און די דיקע פאונטען־פען
כאפט זיך צו מיט ווילדער לײדנשאפט
און קלייפט זיך אן מיט פייכטע ליפן
אין קלארער ווייסקייט פון פאפיר — — —
דאס בלוי־ווייס גאז־פלעמל אונטער מיר
גיט זיך א צאפל
און בויגט זיך מיט נייגער איבער מיין רוקן.

פרילינג...

ס'איז היינט ביי מיר פרילינג,
כא־כא, כא־כא.
ס'האט היינט אין מיין הארץ
א זון זיך צעפרילינגט.
שטראמען פליסיק גאלד
האבן זיך צעשטראלט אין מיינע גלידער.
א הויב און א שפרונג
פי־פא
און היידא
און גלייך אויף דער גאס —
די שטאט איז פארטרונקען
אין פליסיקן גאלד
וואס גיסט זיך פון הימל.
עס שווימען די מענשן ארום
אין דעם גאלד
וואס גיסט זיך פון הימל.
און איך —

מיט אויפגעפראַלטע מויל און אויגן,
מיט אויסגעשפּרייטע הענט
איבער שטאָט און איבער גאַסן:
או־פאַ — כאַ־כאַ.



ר אַ ב אָ ט אַ

דער רויטער חלום פון באַפרייאונג

אַט אַזוי האָב איך געזען
דעם רויטן חלום פון באַפרייאונג:

— — — — — — — — — — — — — — — —

די שוואַרצקייט פון דער נאַכט
איז זיך צערונען.
אויפ'ן מזרח־האָריזאָנט
האָט זיך אַ רויטער פאַס באַוויזן.
שטראַלן פון דער זון האָבן זיך דורכגעריסן;
און ווי אַ פייער אין וואַלד,
האָט זיך די רויטקייט
ברייט און ווייט צעשפרייט,
אַרומגעכאַפּט שטאָט און דאָרף
און באַרג און טאָל. —
אויפ'ן שפּיץ פון העכסטן באַרג
האָט זיך אַ ריז באַוויזן.

דער קערפער פון בראַנז געגאָסן,
מוסקלען — פאַרהאַרטעוועט און שטאַרק,
ווי דיק געפלאָכטענע שטריק,
אוינגן — גאַנצע וועלטן צו באַלויכטן.
און אַז ער האָט אַנגעהויבן רעדן,
האָט יעדער דערהערט דעם רוף
פון העכסטן באַרג
ביז טיפסטן טאָל.
און מיט אַמאָל —
פון די חורבות פון דער נאַכט,
פון די זומפּיקע טראַנשעען,
פון יעדן מויזן־לאָך
און קעלער געסל
האָט זיך אַ הויב געטאָן די מאַסע
פויגל־פריי.
באַרג אַרויף, באַרג אַרויף.
איבער זייערע קעפּ
האָט זיך צעפלאַטערט
אַ רויט צעפלאַמטע פאָן.

נאָך זיי
באַרג אַרויף, באַרג אַרויף,
פאַנען,
פאַנען,
פאַנען — פייער־רויט,
פאַנען — בלוטיק־רויט,
פאַנען — האַרציק־רויט.
רויט,
רויט,
רויט.
און ווי אַ שרפה
אויף די צעפּאַטלטע האָר
פון אַ מכשפה,
האָט די רויטקייט פון די פייערדיקע פאַנען
פריידיק, פייערדיק געקנאַקט,
און אויסגעקנאַקט די פייערדיקע פרייד
פון רויטן פייער־טאַנץ.

° ° °

די זון איז ארויף אויפ'ן שפּיץ פונ'ם בארג.
די זון האָט באַלויכטן די קעפּ פון דער מאַסע.
די זון האָט צעוואַרימט פאַרגליווערטע בלומען.
די זון האָט צעצונדן פאַרלאָשענע אויגן.
האָט דאָס האַרץ געפּלאַטערט
צוזאַמען מיט די פלאַטערדיקע פאָנען;
און ברייט און ווייט האָט זיך צעקלונגען
מיט שטורעמדיקער פרייד
דאָס רויטע ליד פון באַפרייאונג.

דאָס לעצטע שפּילן פון דער
אידישער קאַפּעליע

ר א ב א ט א

נאכט. א חורבה, האלבע ווענט, גרויע סלופעס סטאר־טשען פון די ווענט אין דער נאכט אריין. רעכטס אן איינ־געפאלענער אויוון. א האלבער קוימען, צעשפאלטן אויף צווייען, סטארטשעט אריין אין דער נאכט. צעבראכענע מעבל. אין מיטן דער חורבה וואלגערן זיך ארום א צעבראָ־כענעם טיש; א פידל מיט איין סטרונע, א פלייט, א טראמ־פייט מיט אן איינגעבראכענער זייט און א פויק מיט אן אפענעם בויך.

א האלבע לבנה שווימט ארויס, באזילבערט האלבע חורבה. פון ווייטן זעט זיך דאס חורבה שטעטל. עס פילט זיך נאך אין דער לופט דער פאך פון דער ריזיקער האנט וואס האט צעשטערט, דער פארדומפטער קראך פון באַ־פאנצערטן פוס וואס האט געטראטן.

עס זעט זיך פון ווייטן א שווארץ געבויגן געשטאלט. עס הערט זיך א יאמערדיק געוויין פון קעץ, פארשטעקט ערגעץ־וואו. פון צייט צו צייט שפרינגט אריבער א קאץ איבער דער חורבה.

די קאַלאַקאַטקע:

קליק־קליק,
קליק־קליק,
צו וועמען איז מיין אַנזאָגן?
צו קיינעם איז מיין אַנזאָגן,
פּוסט און נאַריש איז מיין קלאַפּן.
קליק־קליק,
קליק־קליק,
צו וועמען איז מיין שרעקן אין דער נאַכט?
צו שרעקנדיקע קעץ,
ווי שרעקנדיקע קינדער,
איז מיין שרעקן אין דער נאַכט.
שאָטן־שרעק
און קאַצן־יאָמער,
פּוסט און נאַריש איז מיין קלאַפּן.
קליק־קליק.

(עס דערנענטערט זיך דאָס געשטאַלט פון משוגענעם שומר. ער גיט אַ בייזן קלאַפּ מיט דער קאַלאַקאַטקע.)

ד י ק אַ ל אַ ק אַ ט ק ע :

קליק־קליק.

ד ע ר מ ש ו ג ע נ ע ר ש ו מ ר :

שרעקנדיקע שאָטנס אין דער נאַכט.
פּאַלאַצן היט איך,
מיט האָב און גוטס פון גאָר דער וועלט.

(אַ קלאַפּ מיט דער קאַלאַקאַטקע)

ד י ק אַ ל אַ ק אַ ט ק ע :

קליק־קליק,
קליק־קליק.

ד ע ר ש ו מ ר :

איר הערט דאָס קלאַפּן פון מיין קאַלקאַטקע.
איר הערט?
היט זיך פאַר מיין גראָבן שטעקן,
פּאַ־לאַ־צן היט איך.

ד י ק אַ ל אַ ק אַ ט ק ע :

קליק־קליק,
קליק־קליק.

(א יאמערדיק געוויין פון קעץ:)
מיאו—או־או.
מיאו—או־או.

ד ע ר   ש ו מ ר:

(גיט א שטארקן קלאפ מיט דער קאלאקאטקע)
אויף די חורבות פון בית־המקדש
האבן פוקסן אומגעבלאנדזשעט און געוויינט.
אהער האבן זיך די קעץ
פון גאר דער וועלט פארקליבן
און מיאוקען אוים זייערע וויסטע קלאגן.
(דערוויייטערט זיך, לאנגזאם און צעצויגן —)
פא־לא־צן היט איך.
ס׳ווערט שטיל. א ווינטל גיט א בלאז.)

ד י   פ י ד ל:

אט אזוי,
טעג און נעכט
קומען און פארגיין.
קליק־קליק.
מאנאטאן.
און שטילער שווייגן.
פאר׳עקשנ׳טער שווייגן.

ד י פ ל י י ט:

וואַכן לאַנג אַזוי

און ניט פון אָרט.

ד י פ ו י ק:

מיט מיין אויפגעריסענעם בויך

– אין פאַרגליווערטער גסיסה.

ד ע ר ט ר אָ מ פּ י י ט:

נאָך פיל איך דעם באַנאָגלטן שטיוול

אויף מיינע איינגעבראָכענע זייטן.

ד י פ י ד ל:

אין שטילער בענקשאַפט,

אין טיפן צער פאַרגייען מיר.

ד י פ ל י י ט:

נאָך איינמאָל איבער'חלום'ען דעם חלום

און פאַרגיין.

שטיל פאַרגיין.

די פידל:
נאָך איינמאָל פילן
די בלייכע, לאַנגע פינגער
צאַרט זיך ציען
אַרום מיין האַלדז.
נאָך איינמאָל רוען
אויף זיין אַקסל
און פילן די נאָענטקייט
פון זיין וואַרימען האַלדז.
נאָך איינמאָל זיך פאַרגיין
אין שטיל געוויין
פון טיפער פרייד.
נאָך איינמאָל
אין געלעכטער זיך צעלאָזן.
ווילד צעלאָזן
און פאַרגיין
אין שטיל געוויין.

ד י פ ל י ו ט :

נאָך איינמאָל פילן
דאָס שטילע צערטלען
און ווילדן שפּרינגען
פון זיינע דינע פינגער.
נאָך איינמאָל איינהויכן
דאָס שטיל געבעט,
דאָס האַרציק געוויין
מיט׳ן ראָזן הויך
פון זיינע דינע ליפּן.
נאָך איינמאָל
שטיל פאַרשלינגען
זיינס אַ טרער,
אַ שטילן זיפץ
און פאַרגיין —
שטיל פאַרגיין.

ד ע ר ט ר אַ מ פּ י י ט :

אַך... נאָך איינמאָל
מיט מיין מויל זיך צודריקן
און איינבייסן
אין זיינע פולע ליפּן.
נאָך איינמאָל איינזאַפּן
די גרויסע טרערן
און טיפע קרעכצן.
נאָך איינמאָל איינאָטעמען
דעם טיפן אָטעם
אין מיינע גרויסע לונגען
און שטאַרבן,
אַך שטאַרבן.

ד י פּ ו י ק :

נאָך איינמאָל פילן
די ווייכע קלעפּ,
גוט-ברודער קלעפּ,
אויף מיינע ברייטע פּלייצעס.
נאָך איינמאָל פאַרטומלען
און פאַרקלאַפּן
אַלע אוי׳ען,
אַלע וויי׳ען
און פאַרגיין —
אין גרויסן טומל.
שטיל פאַרגיין.

ד י פ י ד ל :

(טיפן זיפץ)
דאָס לעצטע שפּילן —

ד י פ ל י י ט :

אוי, דאָס לעצטע שפּילן.

ד ע ר ט ר אָ מ פּ י י ט :

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

ד י פּ ו י ק :

קיינער קאָן דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

ד י פ י ד ל :

אונטערן לאַסט פון שווערע בליקן,
שפּיזיקע בליקן —
האָט זיין קערפּער זיך געבויגן.
א ווילדער טייוול האָט געטאַנצט אין זיינע אויגן,
ווילד געשפּרונגען איז דער בייגן,
ס'האָט געפּלאַצט אַ סטרונע
נאָך אַ סטרונע.

די פלייט:
ס'האָט זיין הויך זיך ווילד געביטן,
ווי מיט אַ בלאַנקען מעסער איבערגעשניטן
און די פינגער,
אוי, די פינגער.
דער טראָמפּייט:
אין דרייען האָט ער זיך געבויגן,
און געדרייט מיט זיינע ליפּן
און געפּאַכעט מיט די לונגען,
ווי אַ בלאָזאָק גאָר אַן אַלטער.
די פּויק:
ווי אַ גראָבער האָגל,
זיינען זיינע קלעפּ אויף מיר געפאַלן
און געהויקערט
און געבויקערט.
און אַרום אַ ווילד געלעכטער,
מיט אַ קלאַפּן,
מיט אַ טאַנצן.
דאַן — אַ פּוס אַ גראָבער און אַ פרעמדער
און פאַרפאַרן גלייך אין בויך.

ד ע ר ט ר אָ מ פּ י י ט:
מיט אַ שטיוול,
פול מיט נעגל,
גלייך אין זייט.
ד י פ ל י י ט:
און זייט דאַן —
אַ שטילער שווייגן.
ד י פ י ד ל:
אַלע סטרונעס שוין געפּלאַצט —
איינע נאָך פאַרבליבן.
מיט דער לעצטער סטרונע
איינמאָל נאָך אויסשפּילן,
פאַרענדיקן
דעם לעצטן חלום.
ד י פ ל י י ט:
נאָך איינמאָל איבער׳חלום׳ען
דעם חלום
און פאַרגיין,
שטיל פאַר־גיין...

עס שאַרן זיך אַריין געשטאַלטן. זיי מאַכן באַוועגונגעז גלייך זיי וואָלטן אויפגעהויבן די אינסטרומענטן און גע־שפּילט אויף זיי.

די לבנה פאַרשווינט. נעדיכטע וואָלקנס פאַרשפּרייטן זיך. אַ שטאַרקער ווינט נעמט בלאָזן.

די פידל:

זום... די סטרונעס... זום...
זום... די סטרונעס... זום...

די פּלייט:

פוּנ'ם... האַרצן... פּי...
פוּנ'ם... האַרצן... פּי...

דער טראָמפּייט:

פאַר־גיין...

די פּויק:

שטאַ־רבן...

(די טענער, שוואַך געבווירענע, שטאַרבן באַלד אָפּ.)
(פון וויטן הערט זיך דעם שומר'ס שטים צעצויגן:)
פאַ־לאַ־צן היט איך...